**גוט שבת אלע אידן.** איין נאכמיטאג איז דער יונגעל חיים שלום ארויפגעגאנגען אויף א באס אין ירושלים. ווען דער דרייווער האט געזען די לאנגע שורה פון מענטשן ווארטן ארויפצוגייען אויף דעם באס, האט דער דרייווער געזאגט "זאג פאר יעדן איינעם אז מען זאל שוין ארויפקומען, און די וועלכע קומען ארויף דורך דעם הינטערשטע (בעק) טיר זאלן אהערשיקן זייער געלט אדער 'כרטיסיות' (באס קארטלעך)." דער עולם האט זיך געשטופט און זיי זענען ארויפגעגאנגען צוביסלעך אויף דעם באס וואס איז שוין פול געווען.

דער 8 יעריגער יונגעל חיים שלום האט זיך געשטופט אנצוקומען צו דעם דרייווער מיט זיין כטיסי' אין זיין האנט. ער האט נאך נישט באצאלט ווייל ער איז ארויפגעקומען דורך די הינטערשטע טיר. עס איז געווען א גרויסע שורה פון מענטשן ווארטען ארויפצוקומען אויף דעם באס. דער יונגעל איז געקומען צו דעם פראנט, און ער איז גלייך געגאנגען צו דעם דרייווער. אפילו עס איז געווען דארט א גרויסע שורה פון מענטשן וועלכע האבן געווארט ארויפקומען.

ווען ער איז אנגעקומען צו דעם דרייווער, האט דער דרייווער אים געזאגט, "איך האב שוין געלעכערט דיין קארטעל."

"ניין... דו האסט עס נאך נישט געטון..." האט דער יונגעל געזאגט מיט א תמימות אין זיין קול. עס איז געווען גאר הייס יענע טאג, און דער באס דרייווער האט שוין נישט געהאט קיין געדולט. "גיי אריין שוין!" האט ער געשריגן אויף דעם קינד וועלכער איז געשטאנען מיט זיין האנט אז דער יונגעל זאל גיין צוריק צו זיין פלאץ, "דו שטעלסט אפ די מענטשן וואס שטייען הינטער דיר."

דער יונגעל האט געקוקט אויף דעם דרייווער און ער האט געזאגט, "אני לא יכול... זה גניבה – איך קען נישט, ווייל עס איז גניבה!"

"איך האב דיך געזאגט, אז איך האב שוין געלעכערט דיין קארטעל!" האט דער דרייווער געזאגט מיט א נערוועזקייט "קדימה! (גיי אריין)" האט דער דרייווער געשריגן אויף אים.

דער יונגעל איז צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ. דער דרייווער האט געקוקט אין דעם שפיגל און ער האט געזען ווי דאס קינד וויינט. "מה קרה לך? למה אתה בוכה?" וואס איז געשען צו דיר, פארוואס וויינסטו?" האט דער דרייווער געפרעגט דעם יונגעל.

דער יונגעל איז צוריקגעקומען צו דעם דרייווער און ער האט איבערגעחזרט, "אני לא יכול, זה גניבה!" דער דרייווער האט ארויסגענומען זיין כלי און ער האט געלעכערט דעם קינד'ס קארטעל. דאן האט ער געקלאפט לייכט אויף דעם קינד'ס קאפ און געזאגט מיט אידישע נחת, "זה יפה! – דאס איז שיין!"

פאר מיר גיין דערציילן א צווייטע מעשה פון ערליכע אידן, לאמיר אביסל רעדן אפאר תוכנדיגע ווערטער. דער ענין פון זיין ערליך מיט געלט זאכן ווערט דערמאנט אין די היינטיגע פרשה, ווען אברהם אבינו ע"ה האט געקויפט פון עפרון דעם פעלד צו באגראבן שרה אמנו ע"ה. זאגט די תורה הקדושה: "וישמע אברהם אל עפרון וישקל אברהם לעפרן את הכסף... ארבע מאות שקל כסף עבר לסחר." – און אברהם האט געהערט וואס עפרון האט געזאגט וועגן דעם פרייז פונעם פעלד, און דאן האט אברהם באצאלט דעם פרייז וואס עפרון האט פארלאנגט, ד"ה 400 זילבערנע שקלים "קעש." פון דעם פסוק, זעט מען ווי אברהם אבינו האט געהאנדעלט ערליך מיט עפרון. ערשטענס, האט אברהם נישט אראפגעהאנדעלט דעם פרייז, צווייטענס האט ער גלייך באצאלט, און דריטענס האט אברהם באצאלט "קעש." אברהם אבינו האט נישט געזאגט: "איך גיי דיך באצאלן..." נאר, ער האט באצאלט אויפן פלאץ. עפרון האט אים נישט געדארפט מוטשענען און נאכלויפן צו באקומען דעם געלט! עס איז אויך וויכטיג צו באמערקן ווי אברהם האט באצאלט קעש, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "...ארבע מאות שקל כסף עבר לסחר." חז"ל זאגן "מעשה אבות סימן לבנים." דורך דעם וואס די תורה האט דערציילט אברהמ'ס קויפן דעם פעלד מיט אן ערליכקייט, קומט עס אונז צו לערנען דעם וויכטיגקייט פון האנדלען ערליך.

זאגט רבי אילעאי "בשלשה דברים אדם ניכר: בכוסו, ובכיסו, ובכעסו." (עירובין סה:) א מענטש ווערט דערקענט דורך דריי זאכן, וויאזוי ווערט ער ווען ער ווערט שיכור, ווי אזוי ניצט ער זיין געלט, און וויאזוי ווערט ער ווען ער ווערט בכעס, ל"ע. ד"ה, מען קען דערקענען די אמתע מידות פון א איד דורך זען וויאזוי פירט ער זיך אויף מיט געלט זאכן. זאגט דער קב הישר א שארפע לשון אויף דעם ענין "...שהאדם רואה את חברו נושק התפלין ומתפלל, ואינו עוסק במשא ומתן באמונה צריך להרחיק ממנו בכל מיני הרחקות, כי עיקר היראה והצדקות הוא בממון. וכל אדם שהוא עומד בצדקותו על ממון – זה הוא צדיק גמור." – אפילו איינער קוקט אויס פרום, טאמער ער איז נישט ערליך מיט געלט, דארף מען זיך דערווייטערן פון אים. נישט נאר דאס אבער, דער עיקר סימן פון א צדיק איז איינער וואס האנדלעט ערליך מיט געלט זאכן. (פרק נב) יעצט לאמיר דערציילן די צווייטע מעשה פון ערליכקייט מיט געלט.

עס איז דא א איד וואס וואוינט היינט אין בארא פארק, ער הייסט יודל קליינבארט (זיין עכטע נאמען). די מעשה איז געשען עטליכע יארן צוריק. די קליינבארטס האבן געווארט אויף א שמחה. פלוצלינג, איין טאג אינדערפרי האט ער מיט זיין בני בית געדארפט זיך איילן צום שפיטאל אין מאנהאטען.

ליידער זענען די גאסן פול געווען מיט קארס, און ר' יודל האט מורא געהאט אז זיי וועלן נישט אנקומען צו מאונט סיני שפיטאל בצייטנס. די שנעלסטע וועג אריין קיין מאנהאטען פון ברוקלין איז דורך דעם באטערי טאנעל. אבער די וועג אריין צו דעם טאנעל איז געווען אנגעפאקט מיט קארס. באין ברירה, איז ר' יודל געפארן אין די ספעציעלע "לייען" וואס איז באצייכנט פאר באסעס און טעקסיס. ער איז געווען אזוי פאריאגט, אז ער האט אפילו נישט אפגעשטעלט צו באצאלן דעם "טאל"! נאר ער איז גלייך אריינגעפארן אין דעם טאנעל.

אויף דעם אנדערן זייט פונעם טאנעל האט די פאליציי אים אפגעשטעלט, ווייל ער האט נישט באצאלט דעם "טאל" און ער איז געפארן אין דעם באס און טעקסי "לייען."

"וואס טוסטו?!?" האט דער פאליצאנט געשריגן אויף ר' יודל. ר' יודל האט אים מסביר געווען וואס דער מצב איז.

"פארוואס האסטו אונז נישט גערופן! מיר האבן געקענט אייך באגלייטן!" האט דער פאליצאנט געזאגט. "פאר!" ר' יודל האט זיך געאיילט צום מאונט סיני, און ב"ה זענען זיי אנגעקומען בצייטנס.

ווען ר' יודל איז אהיימגעפארן שפעטער אינעם טאג, איז ער געפארן צוריק דורך דעם זעלבן טאנעל ווי אינדערפרי אויפן וועג אריין צום שפיטאל. ווען ער איז אנגעקומען צום "טאל בוטה" האט ר' יודל געגעבן צוויי מטבעות פאר דעם מענטש. "וואס איז דאס?" האט דער מענטש געפרעגט, ווייל די געווענטליכע פרייז איז נאר איין מטבע.

"איך בין דא געווען אינדערפרי, און איך האב זיך שטארק געאיילט..."

פאר ר' יודל האט געקענט ענדיגען זיין רייד, האט דער מענטש אים געפרעגט מיט התרגשות, "נו, וואס האסטו געהאט, א יונגעל אדער א מיידל?" ר' יודל איז געווארן איבערראשט, און ער האט געפרעגט דעם מענטש ווי אזוי ער האט געוואוסט פון די געשעענישען אינדערפרי. "זיי, (די פאליציי) האבן אונז געזאגט אז לכאורה א מענטש אזוי ווי דיר (א פרומער איד) וועט זיכער צוריקקומען און באצאלן!" האט דער מענטש געזאגט.

עס שטייט אין די גמרא, "אמר רבא: בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו: נשאת ונתת באמונה וגו'" רבא האט געזאגט אז ווען מען ברענגט אריין א מענטש צו זיין משפט ביי דער בית דין של מעלה, איינע פון די פראגעס וואס מען פרעגט אים איז, אויב ער האט געהאנדעלט מיט אן ערליכקייט. (שבת ל.) א איד ווערט געמשפט אויף יעדע פרוטה, אפילו געלט וואס ער האט צוגעזאגט צו ספאנסארן א וואכעדיגע גיליון.

לאמיר געדענקען דעם ערליכקייט פון אברהם אבינו, וואס האט באצאלט פונקליך דעם גאנצע סכום מיט "קעש." לאמיר אויך געדענקען די צוויי מעשיות וואס האבן אונז געוויזן ווי אזוי אידן קענען צוברענגען א קידוש השם דורך זיין ערליך מיט געלט. לאמיר ענדיגען מיט חזרען די ווערטער פון דעם קב הישר, "כי עיקר היראה והצדקות הוא בממון" – דער עיקר צדקות איז מיט געלט זאכן. **גוט שבת אלע אידן.**